**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/2/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט'ס 2024 פילם אין אנדענק פון די גייסטיגע ירושה פון דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר צו אויפגעשטפילט ווערן אויף ניו יארק'ס PBS סטאנציעס**

***פובליקום איז איינגעלאדנט זיך צו באטייליגן ביי אן אומזיסטע ספעציעלע אויפשפילונג פון דעם פראגראם מאנטאג, יאנואר 8, ביי די עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענטשען צענטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט'ס יערליכע אנדענק פון די לעבן און שאפן פון דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר וועט פרעזענטירט ווערן אלס א פילם וואס וועט אויפגעשפילט ווערן איבערן סטעיט מיט די קעפל " New York State Celebrates Dr. Martin Luther King Jr." (ניו יארק סטעיט פייערט דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר), אויפגעשפילט אויף PBS סטאנציעס אריבער ניו יארק אנגעהויבן אויף די "MLK" סוף וואך און אזוי אויך אויף [empirestateplaza.ny.gov/nyking](https://empirestateplaza.ny.gov/nyking).

"די לעבן און שאפן פון דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר רופט אויף אונז אלע זיך צו שטעלן צום דינסט און פאר גלייכבארעכטיקייט יעדן טאג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אנדענק פאר דר. קינג איז א דערמאנונג פון די גייסטיגע ירושה און א געלעגנהייט זיך צו פארפליכטן פונדאסניי אונזער סטעיט צו די געמיינזאמע ציהלן פון זיין אקטיוויזם."

די איין-שעה'יגע פילם אין אנדענק פון דר. קינג שטעלט פאר מענטשן און ארגאניזאציעס פון ארום ניו יארק סטעיט וועלכע פארקערפערן די פרינציפן פון איינס פון אמעריקע'ס מערסט מערקווירדיגע פירער פאר גלייכבארעכטיגקייט, פרייהייט און גלייכקייט. די צייט ווען דער פראגראם וועט אויפגעשפילט ווערן וועט זיך טוישן לויט דעם ראיאן און מענטשן וואס ווילן עס זעהן ווערן געמוטיגט צו איבערקוקן זייער TV ליסטעס.

די פובליקום איז אויך געלאדנט זיך צו באטייליגן ביי א ספעציעלע אויפשפילונג פון די " NYS Celebrates Dr. Martin Luther King, Jr" פילם מאנטאג, יאנואר 8 ביי די עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענטשען צענטער. די טשעירפרוי פון די געשעעניש וועט זיין Spectrum News Morning News זשורנאליסטין, טאמאני וואולי, עס איז פריי פון אפצאל און אפן פאר די פובליקום, מיט די טירן זיך עפענענדיג אום 6 אווגט און דער פראגראם זיך אנהויבנדיג 7 אווגט פונקטליך. לייכטע צובייס וועט סערווירט ווערן ביז עס נוצט זיך אויס.פארקינג אין די באזיכער לאָט (V-Lot) וועט זיין אומזיסט נאך 4 נאכמיטאג.

**NYS אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער דזשינעט מאָי האט געזאגט,** "די 2024 דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר אנדענק איז א געלעגנהייט צו באערן זיין לעבן און שאפן און די טראנספארמאטיווע השפעה וואס ער האט געהאט אויף אזויפיל קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט. אין די היי-יאריגע אנדענק פילם זענען מיר שטאלץ צו ארויסהייבן מענטשן און ארגאניזאציעס, פון ברוקלין ביז

באפעלאו, וואס ווייזן ארויס די בעסטע מוסטער פון דר. קינג'ס לערנונגען דורך זייערע וואוילטעטיגע פראגראמען און שריט. איך בין שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול ביים איינלאדענען ניו יארקער צו נעמען א טייל אין די פייערונג דורכן קוקן דעם פראגראם, און איך האף אז אס וועט אונז אלע אינספירירן צו כסדר שטרעבן פאר א מער יושר'דיגע און גערעכטע געזעלשאפט מיט אלע פון אונזערע טעגליכע שריט."

**WMHT פרעזידענט און CEO, ענטאני וו. העיס, האט געזאגט,** "עס אייז א פריווילעגיע זיך צו אנשליסן מיט קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט דורך פובליק טעלעוויזיע צו אנדענקען די לעבן און שאפן פון דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר. דער פראגראם העלפט אונז צוריקקוקן אויף די 'וועג צו די מאראלישע וועלט' אזוי ווי מיר גדענקען דר. קינג און זיין אנגייענדע מעסעדזש קעגן געוואלדטאטן, פאר האפענונג, גלייכקייט און גערעכטיגקייט."

דורך די אויגן פון ניו יארקער פון בינגעהעמטאן ביז ברוקלין, פון אלבאני ביז איטעקע — קאנצעטרירט זיך דער פראגראם אויף דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר'ס לעבן און טרוימען באגלייט מיט מוזיק, קונסטווערק און אינספירירנדע געשיכטעס וועלכע פארקערפערן די פרינציפן וואס פארעמען די גייסטיגע ירושה וואס ער האט איבערגעלאזט.
טייל פון די פילם'ס הויכפונקטן רעכענען אריין:

- א ספעציעלע מארטין לוטער קינג דזשוניאר דעי מעסעדזש פון ניו יארק סטעיט גאווערנער קעטי האקול
- א ספעציעלע חלק איבער The Gathering for Justice (די צוזאמקום פאר גערעכטיגקייט), די געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט ארגאניזאציע געגרונדעט דורך הערי בעלעפאנטי וואס איז שוין נישט אויף די וועלט
- געדאנקען פון SUNY טשענסעלאר, דר. דזשאן ב. קינג, דזשוניאר און סטודענטן פון ברוקלין און סקענעקטעדי
- א שילדערונג פון די ארבעט פון פאטאגראפירער און ציווילע רעכטן פירער קארקי לי
- א פארשטעלונג דורך די Dorothy Cotton Jubilee Singers, אן איטעקע כאר וואס איז איבערגעגעבן צו באהיטן אפריקאנע-אמעריקאנע גייסטליכע און די שאפן פון דאראטי קאטאן, א נישט-גענוג באקאנטע ציווילע רעכטן באוועגונג העלדין
- א בליק אויף LevelUP, אן ארבעטסקראפט פארשריט איניציאטיוו געעפנט דורך די ברוקלין פובליק לייברערי געווידמעט צו העלפן טונקל-הויטיגע פרויען זיך פאראויס רוקן פראפעסיאנאל און בויען רייכטום
- אינספירירנדע פארשטעלונגען פון גרופעס אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג SUNY בינגעהעמטאן קונסט פראגראם סטודענטן און די 2024 דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר ארקעסטרא

יעדער איז געלאדנט צו זעהן דעם פראגראם צו לערנען מער איבער ניו יארקער וועלכע לעבן זייערע לעבנס אפשפיגלנדיג דר. קינג.אין צוגאב צו אפציעס צו זעהן די פילם אויף PBS סטאנציעס אריבער די סטעיט, קען די "New York State Celebrates Dr. Martin Luther King, Jr." פילם אויך געזעהן ווערן אויף empirestateplaza.ny.gov/nyking, אנגעהויבן פון 10 אינדערפרי אום יאנואר 16.

אלס טייל פון די NYS דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר פייערונג, איז די פובליקום איינגעלאדנט צו זעהן די ניו יארק סטעיט דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר סטודענט געניטע קונסט און עסעי אויסשטעלונג (Student Fine Arts and Essay Exhibition) וואס שטעלט ארויס אריינגעגעבענע קונסטווערק פון שילער פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס אריבער די סטעיט אינספירירט דורך דר. קינג'ס זעקס

פרינציפן קעגן געוואלדטאטן. א ווירטואלע גאלעריע פון די שילער'ס ווערק וועט פארעפנטליכט ווערן אויף empirestateplaza.ny.gov/nyking פון יאנואר 15 ביז פעברואר 29.

ניו יארק סטעיט האלט אויך אפ עטליכע קאמיוניטי סערוויס-פארבינדענע פראגראמען יעדעס יאר צו פארפילן דר. קינג'ס חזון פון קאמיוניטי. דאס רעכנט אריין די דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר סטעיט-ברייטע עסנווארג דרייוו, וואס האט זיך אנגעהויבן דעצעמבער 4, 2023, און וועט זיך ענדיגן אום פעברואר 9, 2024, און די דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר סטעיט-ברייטע בוך דרייוו, אפגעהאלטן פעברואר 20 ביז אפריל 19, 2024, און די 24'סטע יערליכע דר. קינג קאריערע יריד אפגעהאלטן אום דאנערשטאג, אפריל 4, 2024.

פאר NY PBS מיטגלידער סטאנציע פראגראם אפדעיטס און נאך אינפארמאציע, באזוכט ביטע empirestateplaza.ny.gov/nyking און פאַלאָוט @NYS_OGS אויף Facebook און X — וואס פלעגט הייסן Twitter.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן